# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת תולדות שנת תשפ"ב לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# שיחות וסיפורים

## בריוו אין די הייליגע ספרים

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "א גרויס חלק פון 'שאלות ותשובות ברסלב' וואס מוהרא"ש האט געשריבן זענען די שאלות געווארן אונטערגעשטעלט דורך ... נרו יאיר, ... נרו יאיר און ... נרו יאיר, דאס איז זייער א גרויסע זכות, ווייל אזוי איז געווארן נאך בריוו אין די הייליגע ספרים, און די זעלבע זאך איז מיט עצתו אמונה, זענען אויך אסאך בריוו פון פארשידענע שאלות געווארן אונטערגעשטעלט, דאס איז זייער א גרויסע זכות, אז מענטשן וועלן זיך קענען מחיה זיין א דאנק זיי".

## פארגעס נישט וואס דו ביסט געווען אלס בחור

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר א מגיד שיעור פון א ישיבה: געדענק גוט וואס דו ביסט געווען אלס בחור, פארגעס נישט ווי דו ביסט געפארן און געקומען אן רשות פון דיין טאטען וכו', אזוי וועסטו האבן א געפיל צו די בחורים געדענקנדיג אז דו ביסט אויך געווען אזוי אלס בחור.

## טאנצן פרייליכערהייט - נאר ביים רבי'ן

נאכ'ן טאנצן חול המועד סוכות ביים רבי'נס יארצייט פאר לאנגע שעות האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן: מוהרא"ש ברענגט אין ספר מקור השמחה (סימן פב) אז רבי אברהם בן רבי נחמן זכרונו לברכה האט געזאגט: "טאנצן מיט התעוררות האב איך שוין געזען, אבער טאנצן פרייליכערהייט האב איך נישט געזען נאר ביים

רבי'ן"; און דאס קען מען זיך אליינס איבערצייגן, איבעראל טאנצט מען שמחת בית השואבה און שמחת תורה, אבער מען טאנצט ערנסט, אבער טאנצן אזוי פרייליך - זעט מען נאר ביים רבי'ן.

## זיין פרייליך און וויינען

איינער פון אנשי שלומינו איז צוגעקומען צו מיר אין אומאן אום ראש השנה, און געזאגט, אז ער האט נאך קיינמאל נישט געוויינט אזוי שטארק ראש השנה ווי ער האט היי יאר געוויינט ביים רבי'ן, און ער האט זיך נאך קיינמאל נישט געפריידט אזוי שטארק ראש השנה ווי ער האט זיך היי יאר געפריידט ביים רבי'ן, איך האב זיך זייער געפריידט דאס צו הערן, ווייל ממש דער לשון זאגט דער רבי (שיחות הר"ן סימן כא): "וּצְרִיכִין לִהְיוֹת שָׂמֵחַ בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה. גַּם צְרִיכִין לִבְכּוֹת בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה", ראש השנה דארף מען זיין פרייליך און אויך דארף מען וויינען.

## דער רבי האט פארגאסן טרערן

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: עס איז מיר זייער שווער צו זיין בעל תפילה, און ווי א יאר שפעטער ווערט מיר דאס שווערער און שווערער, ווייל איך הייב אן צו דאווענען און איך וויל אנהייבן וויינען צום אייבערשטן אבער איך מוז דערשטיקן מיין געוויין ווייל איך דארף ממשיך זיין מיט'ן דאווענען; דער רבי איז נישט געווען קיין בעל תפלה, דערפאר ווען דער רבי פלעגט ארומגיין די בימה מיט די ד' מינים האט מען געזען אויף דער ערד ארום די בימה ווי די גאנצע ערד איז נאס, פון דעם וואס דער רבי האט פארגאסן טרערן גייענדיג ארום די בימה (פעולת הצדיק סימן נו).

## שבחי הר"ן גייט צוזאמען מיט שיחות הר"ן

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א פארוואס דער ראש ישיבה דערמאנט ביי די שיעורים אז דער רבי האט אונז איבערגעלאזט פינף ספרים; ליקוטי מוהר"ן, ספר המדות, שיחות הר"ן, חיי מוהר"ן און ספורי מעשיות, עס איז דאך דא נאך א ספר פון רבי'ן 'שבחי הר"ן'? האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: שבחי הר"ן גייט צוזאמען מיט שיחות הר"ן, מוהרא"ש האט דאס געדרוקט אין איין באנד. אנדערע ברסלב'ע חסידים האבן דאס צוזאמגעשטעלט מיט ימי מוהרנ"ת, אבער באמת קומט דאס מיט שיחות הר"ן. האברך ... נרו יאיר האט מיר געפרעגט וועלכע דרוק 'שבחי הר"ן ער זאל פארקויפן אין ישיבה, האב איך אים געזאגט ער זאל נאר נעמען אזא דרוק וואס שטעלט דאס צוזאם מיט שיחות הר"ן.

## אז איינער בעט מעג מען פארקויפן

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א חול המועד סוכות, היות זיין ווייב פארקויפט טיכלעך און א פרוי האט איר געבעטן חול המועד זי זאל איר פארקויפן א טיכל, צי זי מעג עס פארקויפן אום חול המועד? האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: דו טארסט נישט ארויסלייגן מודעות אז מען קען קומען קויפן טיכלעך אום חול המועד אבער אז איינער בעט מעג מען פארקויפן.

## שייד אפ א 'חומש' - וועסטו האבן הצלחה

האט יענער געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א ווי אזוי שיידט מען אפ מעשר, צום ביישפיל אז די חפץ האט געקאסט פאר'ן מוכר

זעכציג דאלער און ער פארקויפט עס פאר אכציג דאלער, דארף מען אפשיידן מעשר פון די אכציג דאלער אדער פון די צוואנציג דאלער - וואס דאס איז די פארדינסט? האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: מען שיידט נאר אפ פון די ריווח, וויפיל מען האט פארדינט; זע אפצושיידן נישט נאר 'מעשר' נאר שייד אפ א 'חומש' - וועסטו האבן הצלחה.

## אוועקלייגן געלט

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: ווען איך האב געארבעט אין א אנדערע מוסד האט מען מיר באצאלט א גרויסע געהאלט, פלעג איך אפשיידן דערפון א חומש און עס געבן פאר צדקה, קענסט קוקן אין מיין 'חשבונות ביכל' פון יענע פאר יאר וויפיל געלט איך האב דעמאלט אוועקגעגעבן פאר צדקה, איך האב זיך אנגעצייכנט דאס געלט וואס איך האב געגעבן פאר מוהרא"ש און פאר רבי יצחק לעזער שליט"א, דערנאך האב איך אנגעהויבן געבן נאכמער צדקה מער פון א חומש, מיט'ן חשבון אז איך געב אויף פאראויס, אויף געלט וואס איך וועל שפעטער באקומען... מוהרא"ש האט מיר דעמאלט געזאגט איך זאל אנהייבן אוועקלייגן געלט, ווייל איין טאג וועל איך נישט האבן קיין לחם לאכול, למעשה האב איך גארנישט אוועק געלייגט, ויהי היום, ווען מען האט מיר ארויסגעווארפן פון יענע מוסד און איך האב געעפענט די ישיבה זינט דעמאלט באקום איך מער נישט קיין געהאלט פון ערגעץ נישט, און איך האב פארמאכט מיין באנק אקאונט וכו'[1], ביז איך האב מער נישט געהאט קיין לחם לאכול, איין טאג האט איינגעקלאפט צו מיר

[1] דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: טרעף מיר נאך איין מענטש אין מיין עלטער וואס האט נישט קיין באנק אקאונט! אדער טרעף מיר נאך איין ראש ישיבה וואס האט נישט קיין באנק אקאונט!

מיין שכן א וואוילער איד [וואס באלאנגט צו יענע קהלה וואו איך בין געווען מנהל], און מיר געזאגט אז ער וויל מיר געבן געלט, און האט מיר אויסגעשטרעקט אן ענוועלאופ מיט געלט, האב איך אים געזאגט אז איך האב ביז יעצט נישט גענומען קיין געלט פון מענטשן און איך וויל ווייטער נישט נעמען געלט פון מענטשן, האט מיר מיין שכן געזאגט: "דו האסט דאך א רבי, גיי פרעג דיין רבי צי דו זאלסט נעמען דאס געלט פון מיר", צו מיר איז דאס אפילו נישט בייגעפאלן איך זאל דאס גיין פרעגן פון מוהרא"ש, אבער אזוי ווי ער האט מיר דאס געזאגט האב איך באשלאסן אז איך וועל טאקע פרעגן מוהרא"ש צי איך זאל נעמען דאס געלט, בין איך געגאנגען פרעגן מוהרא"ש צי איך זאל עס נעמען, האט מיר מוהרא"ש געזאגט: "דאס הייסט נישט נעמען געלט פון מענטש, אז יענער קומט צו דיין הויז מיט געלט איז דאס אזוי ווי מן, דער אייבערשטער שיקט דיר מן צו דיין הויז", בין איך צוריק אהיים געגאנגען און אריינגעקלאפן צו מיין שכן זאגן אז מיין רבי האט מיר געזאגט איך זאל עס יא נעמען, און איך האב עס גענומען.

## הלואי זאל איך האבן א ברית אום ראש השנה...

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: איינער פון מיין משפחה, א מוהל, וויל זייער שטארק פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, האט ער מיר געזאגט: "הלואי זאל איך האבן א ברית אום ראש השנה, אזוי וועל איך האבן א תירוץ צו קענען פארן קיין אומאן אויף ראש השנה", האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: אבער אויב דאס קינד ווערט געבוירן אין אמעריקע איז נישט מעגליך מען זאל קענען מאכן א פאספארט צווישן דאס געבורט אינעם ברית, די איינציגסטע וועג איז נאר אויבדאס קינד ווערט געבוירן אין אומאן און דער ברית איז ראש השנה.

## א ברסלב'ער פארפאלק

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: די הייליגע חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין קיא.): "אחד מעיר מזכה כל העיר כולה, ושנים ממשפחה מזכין כל המשפחה כולה", איינער פון א שטאט קען מזכה זיין די גאנצע שטאט און צוויי מענטשן פון א משפחה קענען מזכה זיין די גאנצע משפחה, מוהרא"ש זכרונו לברכה איז דאס מסביר (אשר בנחל מכתב י"ח אלף, תקטו), אז איינער פון אנשי שלומינו פירט זיך אויף מיט דרך ארץ, ער רעדט שיין צו יעדעם, ער רעדט דיבורי אמונה וכו' - דורכדעם איז ער מזכה די גאנצע שטאט, ווייל די גאנצע שטאט ווייסט 'דא וואוינט א ברסלב'ער חסיד', אבער כדי צו קענען מזכה זיין א משפחה דארפן זיין צוויי מענטשן, דער מאן און זיין ווייב; אז טאטע מאמע, ברידער און שוועסטער, שוואגערס און שוועגערינס זעען שיין א ברסלב'ער פארפאלק פירן זיך אויף, אזוי ווי דער רבי לערנט אונז - דורכדעם וועט די גאנצע משפחה מקורב ווערן צום רבי'ן. און דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אויף איינער פון אנשי שלומינו: ער איז א דוגמא פון א תלמיד היכל הקודש, דורך די ערליכע אויפפירונג פון אים און זיין ווייב איז זיין גאנצע משפחה מקורב געווארן צום רבי'ן.

## תנא דבי אליהו

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: אמאל פלעג איך ענדיגן יעדעס יאר דעם גאנצן ספר 'תנא דבי אליהו', איך האב יעדע וואך מוצאי שבת געלערנט דעם שיעור וואס איז אנגעצייכנט אינעם דרוק 'שי למורא', אבער לעצטנס אז בין איך געווארן זייער פארנומען, איך קען ממש נישט אטעמען, גלייך ווען איך קום אהיים מוצאי שבת רופט מען מיר שוין וכו' וכו', דערפאר לערן איך יעדע וואך מוצאי שבת איין שטיקל פונעם ספר.